# י י ד י ש

מיר זיינען געלאָפן איבערן קאַלטן פאַרטאָגיקן קלערמאָנט פּאַרק
צו דעם אָרימען הויז, וואָס אויף הונדערט און זיבעציקסטער גאַס.
מיר האָבן מורא געהאַט צו ריידן אַ וואָרט וועגן דעם,
וואָס אונזערע אויגן וועלן דערזען, ווען מיר'ן אַריינקומען
אין דעם אָרימען הויז פון הונדערט און זיבעציקסטער גאַס...
אָבער איבער אונז האָט אַ קול געהאַלטן אין שרייען:
„לויפט גיכער, נאָך גיכער און נאָך־נאָך גיכער, ווייל
עס קען זיין, אַז איר'ט ניט טרעפן שוין ביים לעבן דעם,
וואָס וואוינט אינם אָרימען הויז פון הונדערט און זיבעציקסטער גאַס..."

אַז מיר האָבן איבערגעטראָטן דעם טונקעלן שוועל
פון דעם אָרימען הויז, וואָס אויף הונדערט און זיבעציקסטער גאַס,
האָט אין אויג, ניט אין אויער, אַ זעץ געטאָן אַ דומפּער געוויין,
אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און צעשאָטן זיך אין שטעכערלאַך,
און געבליבן שטעקן, ווי שפּיזלאַך, אויף די ווענט פונם קאָרידאָר.

דאָס איז געווען דאָס געוויין פון דער אַלטער גאָלדע,
וואָס איז גלייך, ווי זי האָט אונז דערזען אַריינקומענדיק,
מגולגל געוואָרן אין עפּעס אַ פאַרגליווערטער שטומעניש,
אַ שטומעניש מיט צוויי אויסגעשטאַרטע חיה'שע שוואַרצאַפּלען...

אין עס־צימער האָט געברענט אַ מאַטאָווע לעמפּל,
און אינם שאָטן פונם שיין אין דערבייאיקן שלאָף־צימער,
לעבן אַ הויך אויפגעשלאָגן בעט, איז געשטאַנען אַ יונגער דאָקטאָר
און געציילט דעם דופק פונם מסוכן אַלטן ר' שמואל,
אומגעבלאָנדזשעט איבער זיין ברוסט מיט אַ שוואַרץ טרייבל,
און גערעדט, אַמאָל צום חולה און אַמאָל צו דער אַלטער,
אַזוינע מאָדנע ווערטער פול מיט צונג, למד'ן און ריש'ן,
וואָס האָבן געוואָרפן אויף זיי שרעק, מהומה און אַנגסטן,
ווייל די ווערטער זיינען געווען אומפאַרשטענדלאַכע — ענגלישע...

ר' שמואל איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, די באָרד צעשליידערט,
מיט גזלנ'ישקייט געשלעפּט די דרויסנדיקע לופט אין זיך אַריין,
און די אויגן אָפענע האָבן געקוקט אויפן ענגלישן דאָקטאָר
מיט הייסער פינצטערניש און דורכשטעכנדיקער רציחה...

דורך א פענצטער האָט שוין אָנגעהויבן דער גרויער באַגינען,
און פונם מאַטאָוון לעמפּל האָט א פּראַסטיקע געלקייט געשפּרייט זיך.
און אַלע זיינען שטיל געווען, נאָר די קווייטן פון וואַנט־פּאַפּיר האָבן
געשריען,

די קווייטן האָבן געשריען אין פּיין פונם געלן באַגינען,
און אין פּיין פונם דאָקטאָר'ס ווערטער.

מיטאַמאָל האָט דער דאָקטאָר, דער ביזאַהעריקער יענקי,
גענעבן א זאָג אין א זאַפטיקן ווארימען יידיש:
איר'ט געזונט ווערן, זיידע, אם ירצה השם ביז פּסח...

און ווי ער האָט א זאָג געטאָן אָט דידאָזיקע אידישע ווערטער,
האָט אַזאַ פרייד זיך געגעבן א גאָס איבער אַלע חדרים,
און די אַלטע האָבן דערפילט אַזאַ לייכטקייט אין זיך,
אַזאַ גרינגקייט אין די פיס, כאָטש הויב זיך אויף און פלי.

די ליפּן פון דער אַלטער גאָלדע'ן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן,
פּליסטערן, ווי ס'פּליסטערן די ליפּן פון א באַפּרייטן:
„דאָקטער־לעבן, טייערער דאָקטער־לעבן"...
און דער אַלטער אַליין, דער חולה, האָט מיטאַמאָל
א הויב געטאָן זיין קאָפּ, אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר'ס האַנט
און געדריקט זי און געצויגן צו זיך, ווי מען ציט די האַנט
פון א פאַרלאָרענעם און נאָר וואָס צוריקגעפונענעם זון...

און דער דאָקטאָר האָט גע'טענה'ט: לייגט זיך און רוט, זיידע;
און דער זיידע האָט געפאָלגט און אַוועקגעלייגט זיך צוריק
און געקוקט מיט אויפגעלויכטענע שוואַרצאַפּלען אויף אונז אַלעמען...

דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַן אויפגעצונדענער באַגינען,
און די קווייטן פון די ווענט האָבן פאַנאַנדערגעעפנט זייערע בלעטלאַך,
זייערע בעכערס, און אָנגעהויבן בליען מיט אמת'ע בליאונגען,
און אָנגעפילט דאָס הויז מיט ערב יום־טוב'דיקע ריחות, —

און אַלע האָבן דערפילט, אז דער יום־טוב אַליין קומט,
אז דער יום־טוב איז שוין געקומען, אַריבערגעטראָטן דעם שוועל
פונם אָרימען הויז אויף דער הונדערט און זיבעציקסטער גאַס...

אַלע זיינען געשטאַנען איבערן טויטן ר' שמואל און באַוויינט אים.
ר' שמואל איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אָפּגעשטעלטן אָטעם,
און זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט, געשמייכלט, געשמייכלט.